# ויקרא ג

א. אין פסוק[1] „והקריבו הכהן אל המזבח ומלק את ראשו והקטיר המזבחה ונמצה דמו על קיר המזבח" איז רש"י מעתיק פון פסוק די ווערטער „ונמצה דמו"[2] און איז מפרש „לשון מיץ אפים[3] כי[4] אפס המץ[5] כובש בית השחיטה על קיר המזבח והדם מתמצה ויורד".

בפשטות קומט רש"י דא אפצוטייטשן דעם ווארט „ונמצה" — א ווארט וואס שטייט ניט פריער אין חומש און איז בכלל נישט רגיל בתורה, דעריבער איז ער מפרש, אז דאס איז „לשון מיץ אפים כי אפס המץ כו'".

מען דארף אבער פארשטיין:

א) וואס איז דער קישור פון דער הסברה גלייך נאכדעם „כובש בית השחיטה על קיר המזבח והדם מתמצה ויורד" צום אפטייטש פון ווארט „ונמצה", וואס רש"י זאגט זיי בהמשך אחד? לכאורה, אויב רש"י איז אויסן צו מפרש זיין דעם אופן המיצוי, האט ער דאס געדארפט זאגן אין א באזונדערן דיבור המתחיל[6].

ב) פארוואס דארף רש"י ברענגען צוויי ראיות אויפן פירוש „ונמצה" און באנוגנט זיך ניט מיט איינע פון זיי?

ג) פארוואס האט רש"י אויסגעקליבן צו ברענגען דוקא די פסוקים — מען געפינט דאך דעם לשון אין מערערע ערטער אין נ"ך[7]?

ד) נאכמער: אין משלי — פון וואנעט ער ברייגנט דעם „לשון מיץ אפים" — איז דארט רש"י מבאר אז דער לשון „מיץ" איז „כמו וימץ טל וגו'" (וואס שטייט פריער אין שופטים[8]) — האט דאך רש"י דא געדארפט ברייגען די ראי' פון „וימץ טל וגו'" פון שופטים[9], וויבאלד: (א) ס'איז פאר[10] משלי, (ב) דעם פירוש אין משלי ווייס מען (לויט רש"י) פון שופטים?

---

1) פרשתנו א, טו.

2) אין להקשות מדוע לא העתיק רש"י גם תיבות „על קיר המזבח" — כי העתיקן בפנים פירושו, וכמדובר כמ"פ שלפעמים מעתיק רש"י תיבות מהכתוב בפנים פירושו ומכניס ביניהן פירוש הדברים (ותיבות אלו צ"ל כתובות באותיות שמעתיקן רש"י מהכתוב), ובנדו"ד „ונמצה דמו, לשון מיץ אפים כו' השחיטה על קיר המזבח והדם מתמצה ויורד".

3) משלי ל, לג (ושם „ומיץ").

4) ישעי' טז, ד.

5) בראב"ע (משלי שם. ועוד) ורד"ק (בס' השרשים שלו) דג' שרשים בזה מיץ מצץ ומצה, ותיבת „נמצה" הוא נפעל בשורש „מצה". אבל לדעת רש"י כולם משורש אחד, וגם שורש ונמצה הוא „מץ", ולדעתו יש שרשים שהם רק ב' אותיות — ראה בארוכה מלבי"ם כאן. ועוד. וראה (וגם בכמה פרטים דלקמן בהשיחה) שד"ח ח"ו ע' 2742.

6) ראה לדוגמא בפרש"י פסוק יז ד"ה בכנפיו — ב' פעמים. ובכ"מ.

7) ומהם כמה קודם להפסוקים שהביא רש"י — ראה לקמן הערה 9.

8) ו, לח.

9) שזהו פעם הא' בנ"ך שנאמר תיבת „וימץ". משא"כ תיבת „ימצה" שבפרשתנו (ה, ט) בנוגע לחטאת — פשוט שאא"פ להביא, שהרי היא אותה התיבה שנאמרה כאן — ומאי אולמי לגבי דידן?

אין לומר שרש"י מביא ב' כתובים אלו כיון שהם שורש התיבה (כנ"ל הערה 5) שהרי (נוסף ע"ז שלא הו"ל להביא גם „מיץ אפים". ועכ"פ הו"ל להקדים „כי אפס המץ" — הרי) אינו נוגע בפשש"מ כאן מהו שורש התיבה.

10) ראה ב"ב יד, ב: סדרן של נביאים כו' של כתובים כו'.

ה) אין די געבראכטע ראיות עצמן — ברייגנט ער פריער די ראי' פון „מיץ אפים", וואס שטייט אין משלי, און ניט דעם פסוק „כי אפס המץ" וואס שטייט פריער [10] — אין ישעי'?

ו) אין דעם (ערשטן) פסוק פון משלי שטייט פריער (פאר „מיץ אפים") צוויי מאל דער לשון „מיץ" — „מיץ חלב יוציא חמאה ומיץ אף יוציא דם" [11] — און רש"י ברייגנט דוקא דעם דריטן „מיץ"?

ב. דער ביאור בכל זה: רש"י קומט ניט בלויז אפטייטשן דעם ווארט „ונמצה", נאר אויך פארענטפערן א שאלה וואס ווערט דא אין פסוק:

„ונמצה" איז א לשון נפעל, וואס מיינט, אז דאס ווערט געטאן ווי פון זיך אליין [12], דער דם ווערט פון זיך אליין אויסגעקוועטשט על קיר המזבח [13] — דורך דעם „והקטיר המזבחה" (אדער דורך דער מליקה) וכיו"ב — איז ניט מובן [14]:

מען ווייס פון פריער [15] אז בא קרבן עולה (מן הבהמה) זיינען פאראן די עבודות פון שחיטה, זריקת הדם על המזבח און הקטרה, איז די שאלה — עבודות השחיטה וההקטרה, געפינט מען אויך בא עולת עוף (נאר במקום שחיטה איז בא עוף דא מליקה), מען געפינט אבער ניט ביי עולת עוף אן עבודה דוגמת עבודת זריקת הדם על המזבח [16]?

דעריבער, נאכדעם ווי רש"י ברייגנט די ראיות אויפן לשון „ונמצה", באווארנט ער און איז מסביר אז דער („נפעל" פון) „ונמצה" קומט דורך אן עבודה ופעולת האדם און א פעולה מיוחדת — „כובש (בית השחיטה על קיר המזבח והדם מתמצה ויורד)" [17], ע"ד ווי עבודת זריקת הדם [18] על המזבח [19].

ג. עפ"ז איז מובן וואס רש"י קלייבט אויס די ראיות דוקא פון די צוויי פסוקים, ווייל אין זיי איז מודגש אז דער תוכן פון „ונמצה" — „מיץ" — איז פארבונדן מיט פעולת האדם — כבישה:

---

11) ויתירה מזו — „מיץ אפים" נלמד ענינו מן „מיץ חלב ומיץ אף" שבכתוב שם (ראה פרש"י „כי כאשר תצא חמאה כו'").

12) היינו לא ע"י פעולה מיוחדת למצות הדם, כ"א תוצאה מפעולה אחרת כדלקמן בפנים.

13) להעיר מזבחים (סד, ב) בחטאת העוף מי כתיב ימצה כתיב דממילא משמע. ראה פרש"י שם. וראה פרש"י פרשתנו ה, ט.

14) כי אף שי"ל שבכאו"א יש דינים משלו (וע"ד מליקה במקום שחיטה) מסתבר שהעבודות העיקריות הם דומות זל"ז (משא"כ שחיטה שכשרה בזר — פרש"י לעיל א, ה).

15) א, ה ואילך.

16) בנוגע לקבלה (והולכה) — ראה פרש"י (שם, ה) — י"ל, שס"ל לרש"י, שע"פ נ̇שש"מ היא רק הכנה וחלק מענין הזריקה. וכ"מ ממפרשים דלקמן הערה 18.

17) להעיר מהגירסא שבדפוס שני „ונמצה דמו, לשון מיץ כובש כו'" ואינו מביא הכתובים. וכ"ה ברא"ם.

18) בפרש"י פרשתנו (ה, ט) „בעולה לא הטעין אלא מצוי ובחטאת הזאה ומצוי אוחז בעורף כו'". אבל אין הכוונה שבעולה אין כלל הענין של זריקת הדם, כ"א שבחטאת הוצרכו להיות ב' פעולות. אבל גם מצוי דעולה תוכנו ענין הזריקה. וכדמוכח מפרש"י זה גופא דמשוה הזאה ומצוי זל"ז. ובפרש"י מעילה (ט, א במשנה ד"ה מיצה) „דמיצוי עולת העוף במקום זריקה דבהמה והזאה בחטאת העוף כו'".

וראה דעת זקנים בעה"ת, חזקוני ופענח רזא — עה"פ. ועוד.

19) ועפ"ז יומתק מה שפירושו על „ומלק והקטיר ונמצה" כתב לאחר פירושו על „ונמצה דמו" — כי דוקא לאחר פירושו כאן שזהו ענין הזריקה, מקשה לאח"ז „אפשר לומר כן מאחר שהוא מקטיר הוא מוצה", שהרי למדנו שההקטרה היא לאחר הזריקה. ראה רמב"ן ורא"ם כאן. וראה פנ"י עה"פ.

פון דעם אנפאנג פון פסוק אין משלי „מיץ חלב יוציא חמאה ומיץ אף יוציא דם" איז נישט קיין ראי' לנדו"ד אז „ונמצה" איז אין אן אופן פון „כובש (בית השחיטה)" — ווארום סיי „חמאה" פון „חלב" און סיי „דם" פון „אף" קומען ניט דורך א פעולה פון כבישה, פון קוועטשן, נאר דורך „שלאגן" און „קלאפן" (וכיו"ב). [ויתרה מזו — אמאל קומט עס פון זיך אליין: חמאה שווימט ארויף אין דעם חלב, עס גייט בלוט פון נאז — לפעמים פון זיך אליין, ווי מען זעט בפועל].

דעריבער ברענגט רש"י דעם סיום הכתוב דוקא — „מיץ אפים (יוציא ריב)", ווייל דארט איז דער „מיץ" אויפן זעלבן אופן ווי „כובש בית השחיטה": דורך ארויסקוועטשן און ארויסדריקן לחוץ דעם כעס — „יוציא ריב" — ווערט א קריגעריי.

די ראי' אליין איז אבער ניט מספיק, ווארום דער „מיץ" בא „אפים" איז א פעולה ניט במעשה (ניט ווי כובש בית השחיטה, וואס איז אן עשי'); דעריבער ברענגט רש"י אויך דעם פסוק „כי אפס המץ", וואס דארט מיינט עס (ווי רש"י זאגט דארט) דעם „חלב וחמאה" וועלכע ווערן אויסגעקוועטשט [20] פון צאן ובקר, וואס דאס איז אן עשי', און דער חלב קומט ניט דורך הכאה (וכיו"ב), נאר דורך קוועטשן ממש.

אבער די ראי' פון „כי אפס המץ" אליין איז אויך ניט גענוג, ווארום דארטן קען מען לערנען, אז דער ווארט „מץ" איז ניט מדגיש די פעולת המיצוץ גופא, נאר ס'איז בלויז א תואר אויפן עושר וכבוד פון די צאן ובקר, וואס איז א פועל יוצא פון דעם וואס מ'איז פון זיי מוצץ חלב וחמאה; ווי רש"י טייטשט דארטן „המיץ שלך עשרך וכבודך שהי' לך על ידי צאנך ובקרך שאת מוצצת מהם חלב וחמאה" [21]. און דעריבער דארף רש"י ברענגען אויך — און צום ערשטן — די ראי' פון „מיץ אפים" וואו „מיץ" מיינט ממש די פעולה פון קוועטשן.

ד. דאס וואס רש"י ברענגט ניט די ראי' פון שופטים „וימץ טל מן הגזה" (וואס איז אן עשי'):

אין דעם זעלבן פסוק דארט (אין שופטים), פאר די ווערטער „וימץ טל גו'", שטייט „ויזר את הגזה", וואס מיינט אז ער האט געקוועטשט די גזה (ווי רש"י זאגט דארטן „לשון מכבש"). און וויבאלד אז עס איז שוין געווען כבישה, איז מובן, אז „וימץ טל גו'" וואס איז געווען נאכדעם, באציט זיך ניט צו דער פעולת הכבישה פון (און אין) דער גזה עצמה נאר צו דער יציאת ה„טל" פון דער „גזה" [22], ווי דער פסוק איז מסיים „וימץ טל מן הגזה מלוא הספל מים".

און דעריבער איז דאס ניט קיין דוגמא מדויקת לנדו"ד וואו דער „ונמצה דמו" קומט מדגיש זיין די פעולה פון „כובש בית השחיטה".

משא"כ אין משלי וואו רש"י קומט מפרש זיין דעם צד השווה פון די אלע דריי ענינים וואס דער פסוק זאגט — „מיץ חלב גו' ומיץ אף גו' ומיץ אפים גו'" — וואס דאס איז ניט אין דעם אופן

---

20) בפרש"י שם (הובא לקמן בפנים. ועד"ז במצודות. ועוד) „מוצצת מהם". וגם זה שייך לנדו"ד — ראה לקמן בפנים ס"ה.

21) וגם אפשר לפרש כשאר מפרשים שם — ראה רד"ק, ראב"ע שם. ועוד.

22) ובמצו"ד שם משמע ש„וימץ" הוא לשון נפעל.

הפעולה אין דעם חלב, אף און אפים [ווארום אדרבה: ס'איז בא יעדערן פון זיי — דורך אן אנדער סארט פעולה (כנ"ל ס"ג)], נאר דאס וואס איז בשווה אין אלע דריי, איז די תוצאה פון דער פעולה (די פעולה וואס „יוציא") דער מיץ.

און אויף דעם פאסט די ראי' פון שופטים וואו דער „וימץ גו'" רעדט זיך וועגן דער יציאת (וסחיטת[23]) הטל.

וע"פ כל הנ"ל איז אויך מובן וואס רש"י איז מפרש „כובש בית השחיטה" אין דעם זעלבן דיבור המתחיל בהמשך צו דער ראי' פון די לשונות וכו' — ווארום דאס איז נוגע לגוף פירושו, היות אז ער איז אויסן (אויך) צו מסביר זיין אז דער „ונמצה" איז ע"י כבישה.

ה. עס בלייבט אבער ניט פאר־שטאנדיק: וואס איז דא נוגע צו מדגיש זיין אז דער מיצוי הדם איז דוקא דורך „כובש בית השחיטה" (וואס דערפאר דארף רש"י ברענגען דוקא די צוויי פסוקים כנ"ל) און ניט דורך אן אנדער פעולה?

וי"ל ע"פ הנ"ל: וויבאלד אז רש"י לערנט אז „ונמצה" איז במקום ודוגמת הזריקה (הזאה) על המזבח, איז מסתבר אז די פעולות האבן א דמיון צווישן זיך[24] — און דאס איז דוקא אויב עס ווערט געטאן דורך כבישה, „כובש בית השחיטה":

23) כפרש"י משלי שם „מיץ סחיטה כמו . . וימץ טל וגו'". ובפשטות קאי על כל הג' פעמים „מיץ" שבכתוב. ועפ"ז „סחיטה" הוא צד השווה שבכולם — הפעולה בדבר להוציא ממנו הבלוע בו (וכיו"ב). משא"כ „כובש" אינו מדגיש היציאה כ"א רק פעולת האדם בהדבר.

24) וכדמשמע ממפרשים הנ"ל שבהערה 18 שמיצוי הוא גדר אחד עם זריקה.

דם וואס גייט ארויס דורך „קלאפן" (וכיו"ב) בא „מיץ אף יוציא דם", איז עס ניט באופן אז דער דם קומט כסדר דורך זיין כסדר'דיגער פעולה; זיין קלאפן כו' איז גורם די התחלת היציאה פון דעם דם וועלכער גייט דערנאך מעצמו א משך זמן.

משא"כ בא משקים וואס קומען ארויס דורך כבישה (החולב פון א בהמה[25] וכיו"ב) — איז דער המשך היציאה פון דער משקה א תוצאה פון זיין נאכאנאנ־דיקער פעולת הכבישה.

און וויבאלד אז די עבודה פון „ונמצה דמו" איז במקום זריקה (והזאה) וואס קומט אינגאנצן בפעולת הכהן, דעריבער, לערנט רש"י אז דאס איז אזוי אויך בא „ונמצה דמו", דורך „כובש בית השחיטה".

ו. מיינה של תורה וואס איז דא אין פירוש רש"י זה:

ס'איז ידוע וואס דער רמב"ן[26] זאגט בנוגע די עבודות וואס מ'שוט מיט א קרבן (וואס איז מכפר אויפן אדם), אז דער מענטש דארף טראכטן — „כי חטא לאלקיו בגופו ובנפשו וראוי לו שישפך דמו וישרף גופו לולא חסד הבורא שלקח ממנו תמורה כו' דמו (דהקרבן) תחת דמו נפש תחת נפש כו'".

און דאס איז אויך דער תוכן הענין וואס מ'איז מקריב דעם חלב הקרבן ודמו אויפן מזבח, וואס אין עבודת האדם איז דאס דער תענוג (חלב) און קאך (דם) וואס ער דארף מקריב זיין, (אוועקגעבן) צום אויבערשטן[27].

25) הראי' שרש"י מביא כאן.

26) פרשתנו א, ט.

27) ראה ד"ה טעמה כי טוב תש"ט פ"ב. ועוד.

און דעריבער, ביים (סיום פון) ערשטן סוג קרבנות וואס שטייט אין דער תורה — קרבן עולה [28] [וואס אויך עולה איז מכפר (על מ״ע ועל לאו שניתק לעשה [29])], איז רש״י מדייק ביי „ונמצה דמו״ [בא זריקת הדם, וואס אין דעם איז דער עיקר הכפרה [30]], אז דער ענין הכפרה פון קרבן באשטייט אין דעם ענין ה„מיץ״, כבישה — די אתכפיא און ביטול פון זיין מציאות [31] — און דעמאלט „הדם מתמצה ויורד״ עס ווערט ארויסגעקוועטשט און גייט פון אים אוועק דער „קאך״ אין תאוות העולם.

און דערפאר [32] ברענגט רש״י „לשון מיץ אפים״, ווייל אין דעם ענין פון „מיץ אפים יוציא ריב״ דריקט זיך אויס (ברמז) דער תוכן כללי פון א חטא, און דער אופן התשובה וכפרה אויף א חטא, כדלקמן.

ז. בנוגע צו כעס זאגן רז״ל „כל הכועס כאילו עובד ע״ז״ [33] [און ווי דער אלטער רבי [34] איז מסביר, אז בשעת הכעס „נסתלקה ממנו האמונה״, ווארום אויב ער וואלט געגלויבט אז דאס קומט מאת ה׳ וואלט ער דאך ניט געווארן אין כעס], ד. ה. אין דעם ענין הכעס דריקט זיך אויס די אפגעריסענקייט פון אויבערשטן — „כאילו עובד ע״ז״. וואס דאס איז דאך די נקודה פון אלע עבירות, ווי דער אלטער רבי איז מסביר [35], ווייל דורך יעדער עבירה וואס מ׳איז עובר אויפן רצון העליון ווערט מען בשעת מעשה אפגעריסן פון אלקות, מעין ווי דורכן חטא פון ע״ז.

און דאס איז דער פירוש פנימי פון סיום הכתוב „(מיץ אפים) יוציא ריב״: דורך אן עבירה ווערט א „ריב״ מיט׳ן אויבערשטן; נאר היות אז בא כעס איז דאס בהדגשה ובאופן בולט ניט ווי ביי אנדערע עבירות (ווי מען זעט אז נאר בא באשטימטע עבירות שטייט „כאילו עובד ע״ז״), דעריבער ווערט דאס געזאגט בא „מיץ אפים״, וואס דארטן איז דאס בגילוי, כנ״ל.

און בשעת א איד ברענגט א קרבן און טוט תשובה אויף דער עבירה — אויך דעמאלט איז „מיץ אפים יוציא ריב״, נאר דאן איז דאס באופן פון „כובש כעסו״ הנ״ל און אויך — מרגיז יצ״ט על יצה״ר (ובכללות איז עס בא תשובה אויף יעדער עבירה, וואס ער איז כובש ומבטש דעם יצה״ר וועלכער האט אים געבראכט צו עובר זיין אויף רצון העליון און ווערן אפגעריסן פון אלקות) און דורך דעם איז אויך „יוציא ריב״ — מיט׳ן יצה״ר.

און דערפאר שטייט דא „אפים״ — לשון רבים, דער כעס וואס ברענגט

28) להעיר שדברי הרמב״ן הנ״ל הוא בפסוק הנאמר בקרבן עולה.

29) פרש״י פרשתנו א, ד. תו״כ שם (וראה רמב״ן וגו״א שם). וראה זבחים ז, ב ובפרש״י. אגה״ת פ״ב.

30) תו״כ שם. זבחים ו, א. וש״נ. וראה פרש״י ד״ה דם — פסחים עז, ב.

31) ראה ברכות יז, א (הובא באגה״ת שם) „שיהא חלבי ודמי שנתמעט כאילו הקרבתיו כו׳״.

32) להעיר גם ממרז״ל בספרי (ואתחנן ו, ה) עד מיצוי הנפש כו׳ (הובא באגה״ק ס״א). וראה ערוך (ובערוך השלם).

33) כ״ה באגה״ת פ״ז. אגה״ק ר״ס כה. ובקיצורים והערות לתניא ע׳ לט „ע׳ שבת קה ע״ב. וע׳ בר״מ ח״ג קעט ריש ע״א. וע׳ באור עולם שבספר ראשית חכ׳ פט״ו, וע׳ זהר ח״א כז, ב. ובת״ז תנ״ז בתחלתו, ובמד״ר (ובמדר״*) הנעלם מז״ח פ׳ נח״. ועייג״כ זח״ג רלד, ב. פיה״מ אבות פ״ב מ״י**. רמב״ם הל׳ דעות פ״ב ה״ג.

*) ובלקוטי הגהות לתניא ע׳ ס „במדרש״.

**) וכצ״ל בקצוה״ע ע׳ קמט.

34) אגה״ק שם.

35) תניא פכ״ד — כה.

דעם ריב מיט'ן אויבערשטן ר"ל, און דער (כיבוש ה)כעס לאפרושי (זיך אליין) מאיסורא [36], בשעת התשובה והבאת הקרבן, וואס ברענגט דעם ריב מיט'ן יצה"ר.

ח. עס קען דאך אבער ווערן א שאלה: וויבאלד אז מצ"ע איז דאך א איד ניט שייך צו אן עבירה, וכמאמר [37] אדמו"ר הזקן: א איד ניט ער וויל און ניט ער קען זיין אפגעריסן פון אלקות; און דאס וואס א איד פאלט דורך אין אן עבירה איז דאס אן ענין פון "עלילה" מצד למעלה [38] כביכול, און דעריבער זאגט מען בל ידח ממנו נדח, אז סו"ס וועט יעדער איד תשובה טאן [39] — איז צוליב וואס האט געדארפט זיין די ירידה והסתר שע"י החטא?

אויף דעם איז רש"י ממשיך "כי אפס המץ", וואס גייט אויף דעם חלב וואס מ'איז מוצץ פון די צאן ובקר. ד.ה. דאס וואס קומט ארויס פון דער סחיטה וכבישה, נאכדעם וואס ער טוט תשובה, איז כדוגמת ענין ה"חלב":

"חלב" מצד עצמו איז די קס"ד פון תורת אמת, אז חלב האט געדארפט זיין אסור (מצד דעם וואס "דם נעכר ונעשה חלב", אדער מצד "אבר מן החי"), נאר תורה האט מחדש געווען אז דאס איז מותר [40], ביז אז דאס ווערט אן ענין מיט וועלכען מ'איז משבח ארץ ישראל [40] — "ארץ זבת חלב ודבש" [41]; וואס דאס ווייזט אויף דעם ענין פון אתהפכא — א זאך וואס ע"פ תורה האט דאס געדארפט זיין אסור, איז דאס די תורה מתיר און אויך משבח.

ועד"ז ברוחניות הענינים: די כוונה פון דעם "מיץ אפים יוציא ריב", וואס פריער האט דער מענטש עובר געווען אן עבירה און ס'איז געווען דערפון דער "ריב" לגבי דעם אויבערשטן, און דער־נאך דער כובש כעסו, און דער "ריב" מיטן יצה"ר —

איז צוליב דעם ענין האתכפיא והאתהפכא — איבערמאכן דעם רע אויף טוב, ווי ער זאגט אין תניא [42] דעם טייטש אין פסוק [43] "כל פעל ה' למענהו וגם רשע ליום רעה, פי' שישוב מרשעו ויעשה הרע שלו יום ואור למעלה",

און דורכדעם ווערט "ריח ניחוח לה'" [44] — נחת רוח פארן אויבערשטן, פון "דברים חריפים או מחומצים רק שהם מתובלים ומתוקנים היטב עד שנעשו מעדנים להשיב הנפש" [45], און עס ווערט "אסתלק יקרא דקוב"ה בכולהו עלמין".

(משיחת ש"פ ויקרא תשל"ו)

---

36) ראה בכ"ז אגה"ק סכ"ה (קמ, סע"ב). תניא פכ"ט.

37) ראה ד"ה באתי לגני הש"ת פ"ג. ועוד.

38) תנחומא וישב ד'. וראה סוכה נב, ב. ובארוכה — תו"ח תולדות ד"ה ויתן לך פ"י ואילך. ובכ"מ. וראה לקו"ש ח"ח 6־395. וש"נ.

39) הל' ת"ת לאדה"ז פ"ד ס"ג. תניא ספל"ט.

40) בכורות ו, ב. וראה אנציקלופדי' תלמודית בערכו. וש"נ.

41) שמות ג, ח. ועוד.

42) פכ"ז.

43) משלי טז, ד.

44) הנאמר בפרשתנו א, ט. יג. יז. — בסוף דכל קרבן עולה.

45) תניא שם.

# ויקרא ד

א. פון פסוק [1] „ונפש כי תקריב קרבן מנחה וגו'" (און ניט „כי תקריב מנחה" [2]) — לערנט מען אָפּ אין תו"כ אַז אַ יחיד קען מנדב זיין אויך לבונה יין (שמן), וואָס קומען צוזאַמען מיטן קרבן, און אויך עצים: „היחיד מתנדב עצים" [3].

ווייטער שטייט אין תו"כ [4]: „כשם שאין שנים מביאין מנחה נדבה כך אין מביאין לא יין ולא לבונה ולא עצים".

דאַרף מען פאַרשטיין: מען געפינט דאָך אַ קרבן עצים וואָס איז געבראַכט געוואָרן בשותפות — דער קרבן העצים פון די ט' משפחות, ווי די משנה זאָגט אין תענית [5] „זמן עצי הכהנים והעם תשעה כו'", און די גמרא [6] איז מסביר „כשעלו בני הגולה לא מצאו עצים בלשכה ועמדו אלו והתנדבו משלהם וכך התנו נביאים שביניהן שאפילו לשכה מלאה עצים יהיו אלו מתנדבין משלהן שנאמר [7] והגורלות הפלנו על קרבן העצים הכהנים הלוים והעם להביא לבית אלקינו לבית אבותינו לעתים מזומנים שנה בשנה לבער על מזבח ה' אלקינו ככתוב בתורה" — וואָס פון פשטות המשך הסיפור און פסוק און דער משנה איז משמע אַז דאָס איז געבראַכט געוואָרן פון די בני המשפחה צוזאַמען אַלס שותפות'דיקער קרבן פון דער משפחה [8].

ב. בפשטות וואָלט מען געקענט פאַרענטפערן, אַז דער דין פון נדבת עצים אין תו"כ, רעדט וועגן אַן אַנדער סוג קרבן ווי דער „קרבן העצים" וואָס שטייט ביי „זמן עצי הכהנים והעם":

אין תו"כ רעדט זיך וועגן אַ קרבן עצים (פון אַ יחיד, ווי דער לשון אין תו"כ: „היחיד מתנדב כו'"), וואָס מען איז זיי מקריב אַלס קרבן אויפן מזבח — און אויף דעם איז געזאָגט געוואָרן דער דין אַז מען קען עס ניט ברענגען בשותפות; אָבער „זמן עצי הכהנים והעם כו'" פון די ט' משפחות רעדט (ניט וועגן עצים וואָס מ'האָט מנדב געווען זיי גופא אַלס קרבן, נאָר) וועגן עצים למערכה, ווי עס שטייט אין דער ברייתא, כנ"ל כשעלו בני הגולה לא מצאו עצים בלשכה כו' ככתוב בתורה — ד. ה. די עצים וואָס מ'האָט געדאַרפט אויפן מזבח בכדי עס זאָל זיין אַ מערכה וואָס אויף וועלכע צו מקריב זיין קרבנות — און די עצים קענען געבראַכט ווערן אויך בשותפות, (ובפרט אַז מ'האָט דאָך זיי סייווי געדאַרפט איבערגעבן צום ציבור קודם ההקרבה פון קרבנות ציבור ווי עס שטייט אין תוספתא [9]).

עס פאָדערט זיך אָבער נאָך ביאור, וואָרום בנוגע דעם לימוד פון „מתנדבין

1) פרשתנו ב, א.
2) ראה פי' הראב"ד ור"ש משאנץ בתו"כ עה"כ (פרשתא ח, ג).
3) שם, ז.
4) פי"ו, ו.
5) כו, א.
6) שם כח, א. תוספתא תענית פ"ג, ה.
7) נחמי' י, לה.

8) וכן משמע מתענית (יב, א) „יו"ט שלנו הוא".
9) שם. וכ"ה בירושלמי שקלים פ"ד ה"א. וש"נ. בבבלי תענית לא הובא זה שמסרו לצבור אבל מובן הוא, מזה שכ' „לא מצאו עצים בלשכה כו' אפילו לשכה מלאה עצים". ראה משנה למלך הל' כלי המקדש פ"ו ה"ט. חסדי דוד לתוספתא שם.